Birnbaum

OXFORD CENTRE FOR POSTGRADUATE HEBREW STUDIES
45 St Giles, Oxford OX1 3LW, England (0865) 511869

FROM THE FELLOW IN YIDDISH STUDIES

כ"ה טבֿת תשמ"ה / דעם 18טן יאַנואַר 1985

פּראָפֿ' שלמה בירנבוים
טאָראָנטאָ

טײַערער און חשובֿער פּראָפֿ' בירנבוים,

וואָס מאַכט איר? שוין אַ שטיק צײַט וואָס איך בין פֿאַרזאָרגט אלמאי כ'האָב ניט באַקומען קיין ענטפֿער אויף מײַנע לעצטע דרײַ אָדער פֿיר בריוו. איך האָף אַז דאָס איצטיקע בריוול געפֿינט אײַך געזונט און שטאַרק.

איך שרײַב וועגן אָט וואָס: דער אָקספֿאָרדער צענטער האָט באַשלאָסן אײַנאָרדענען אַ יערלעכע סעריע סימפּאָזיומס איבער דער ייִדישער לינגוויסטיק. דער ערשטער סימפּאָזיום וועט אי"ה אָפּגעהאַלטן ווערן מאָנטיק און דינסטיק דעם 16טן און 17טן דעצעמבער 1985 איבער דער טעמע: דער בראשית פֿון ייִדיש, בלע"ז וועט דאָס הייסן Origins of the Yiddish Language.

ס'איז מיר אַ פֿרייד און אַ כּבֿוד אײַך גאָר האַרציק צו פֿאַרבעטן לייענען אַ רעפֿעראַט אויפֿן סימפּאָזיום. הלוואי קענט איר קומען צו פֿאָרן!

טאָמער איר קענט אָבער ניט צופֿאָרן וואָלטן מיר געווען זייער צופֿרידן אײַער רעפֿעראַט פֿאָרצולייענען אויפֿן סימפּאָזיום און אָפּדרוקן אינעם יאָרבוך וואָס וועט (מיר האָפֿן) טאַקע געבוירן ווערן אין אײנעם מיטן סימפּאָזיום אויף ענגליש (הגם בײַם סימפּאָזיום גופֿא וועט יעדער רעפֿערענט רעדן אויף וועלכן לשון ס'איז אים מער ניחא).

איך טרעף זיך אָפֿט מיט ר' שמואל הײַלען וועלכער היט אָפּ שטרענג אײַער אָרטאָגראַפֿיע און דיאַלעקטישע אָריענטירונג און זײַן נײַער גראַמאַטיק פֿאַר פֿרומע קינדער, דער עיקר אין חסידישע מוסדות. כ'האָב לעצטנס געהאַט די זכיה נהנה צו זײַן פֿון וואונדערלעכן ייִדיש פֿון די קינדערלעך אין לאָנדאָנער בעלזער חדר.

איך האָף זייער אַז איר וועט זיך קענען באַטייליקן אינעם אָקספֿאָרדער סימפּאָזיום. הלוואי!

מיט פֿרײַנדשאַפֿט און יראת הכּבֿוד

בלײַב איך אײַער

דוד קאַץ

114 Invermay Avenue
Downsview, Ontario
Canada M3H 1Z8

ז' באייר
תשמ"ה

ליבער דוד קאץ,

כ־האב איך נאך נישט גידאנקט פארן בינטל זאכן אייערע, וואס איר האט מיר גישיקט מיט א לאנגער צייט צוריק, און פאר אייער בריוו פון כ"ח טבת, וואס ליגט שוין אויף דריי חדשים. די ארטיקלען זענען מיר גיוועזן זייער אינטערעסאנט און איך זאג אייך גאר א גרויסן ש־כוח.

פאר וואס איך האב נישט גיענפערט – פשוט, איך האב נישט קיין צייט צו שרייבן בריוו, אחוץ איין מאל אין א יובל. ערשטנס בין איך פארנומען מיט ארביט ~~א~~ איבער די כוחות, ~~א~~ און צווייטנס ~~אין~~ נעמט צו א סך צייט דער פועל־יוצא פון אן אומגליק וואס האט זיך גיטראפן ביי מיין בני־בית מיט באלד דריי יאר צוריק.

איך גלייב נישט, אז איך וועל דעם ווינטער זיין אין ענגלאנד און קענען קומען קיין אקספארד צו דער קאנפערענץ.

מכוח א רעפעראט: וועגן דער טעמע פון דער קאנ־פערענץ האבן אנדערע און איך שוין גישריבן בדרך כלל, קומט אויס, אז דא גייט אין פרטים. אף דעם דארף מען האבן צייט. אויב איך וועל קענען, וועל איך שיקן.

אף דער קאפיע פון אייער ארטיקל וועגן דער אקספארדער קאנפערענץ ~~אין~~ [illegible] נישט אן גיוויזן ~~קיין~~ קיין ביבליאגראפישע ידיעות. לאזט מיך וויסן.

דארטן שרייבט איר אף ז' 16, עמ' א'": "יידיש סקאלערשיפ ... (דריי שורות)" אבער צוויי שורות דערנאך דערמאנט איר דים "פרא־יידישן קולטור־קלימאט"!
כ־האב גיזאגט "אבער," ווייל די מענטשן פון יענים קלימאט זענען עס די "באפרייער," נישט
[illegible] 1905 —

די פילאלאגן, וואס זענין שפעטער. אויך די ווערטער "גיבוירן אין מיזרח־איראפע, מיט יידיש זייער מאמע־לשון" פאסט נישט ביי אלע. סיידן איר האלט, איך בין נישט פון יענים דור – בין איך דאך נישט גיבוירן אין מיזרח־אייראפע, און יידיש איז דאך נישט מיין מאמע־לשון. און מיינע ערשטע ליגגוויסטישע זאכן זענין גידרוקט גיווארן דווקא אין מערב: בערלין (פריישטאט, 1913) און ווין (גראמאטיק, 1915/18). (איך בין דאס דריטע דור נאכן מיזרח, און האב׳ אן גיהויבן רעדן יידיש אין מיין זיביציט יאר.)
אזוי ארום, לויט אייער דעפיניציע, האט מיין גראמאטיק נישט קיין שייכות צום "באפרייאונג" און ווערט נישט דערמאנט. דאס זעלבע איז מן־הסתם חל אפן סעמיטישן עלימענט און מיין דיסערטאציע.

זייט מיר געזונט און שטארק
אייער
שלמה בירנבוים

OXFORD CENTRE FOR POSTGRADUATE HEBREW STUDIES
45 St Giles, Oxford OX1 3LW, England
(0865) 511869

FROM THE FELLOW IN YIDDISH STUDIES

פּראָפֿ׳ שלמה בירנבוים
טאָראָנטאָ

י״ח איר (ל״ג בעומר) תשמ״ה / דעם 9טן מאַי 1985

טייערער און חשובֿער פּראָפֿעסאָר שלמה בירנבוים,

ראשית כל אַ גאָר האַרציקן דאַנק פֿאַר אייער גאָר פֿריינדלעכן בריוו.

יאָ, איר זייט הונדערט פּראָצענט גערעכט מכוח מיין טעות וועגן דעם אויפֿקום פֿון דער נייער ייִדישער פֿילאָלאָגיע אין מזרח־אייראָפּע אינעם אַרטיקל פֿון זעקס יאָר צוריק. די גדולים אויף אונדזער געביט מיט אייך בראש וואָס שטאַמען דווקא נ י ט פֿון יענער „קולטור־סביבה״ זיינען די בעסטע ראיה דערצו. אַ יישר כוח.

וואָס שייך דעם ווינטער־סימפּאָזיום האָף איך זייער אַז איר וועט פֿאָרט קענען קומען אָדער לפּחות צושיקן אַ רעפֿעראַט. דווקא מחמת דעם וואָס צווישן די אָנטיילנעמער וועלן זיך געפֿינען ל. פֿוקס, ר. קינג, דזש. מאַרשאַן און אַ ריי אַנדערע גערמאַניסטן און לינגוויסטן ווילט זיך זייער אַז ס׳זאָל קומען צום וואָרט די דעה פֿון אונדזער גרעסטן ייִדישן פֿילאָלאָג, ר׳ שלמה בירנבוים. דער רעפֿעראַט קען זיין אויף וועלכן ניט איז לשון וואָס איז אייך צומערסטנס ניחא פֿאַר דעם צוועק. ס׳קען באַשטיין פֿון נייע זאַכן אָדער פֿון אַ סך הכל פֿון פֿריערדיקע אַרבעטן, ס׳ווילט זיך נאָר אַז שלמה בירנבוים, אָדער פּערזענלעך אָדער „צוגעשיקטערהייט״ זאָל האָבן דעם אויבנאָן. טאָמער איר קענט פֿאָרט ניט באַווייזן צו קומען וועט מען בכבֿוד גדול פֿאָרלייענען דעם רעפֿעראַט און אים אַריינעמען אין דער יערלעכער פּובליקאַציע וואָס מיר ה אָ פֿ ן וועט אַרויסוואַקסן פֿון ווינטער־סימפּאָזיום.

ס׳טוט מיר ווי דאָס האַרץ געוואויר צו ווערן אַז אַן אומגליק האָט געטראָפֿן אייערע בני בית. זאָלט איר מער פֿון אַזעלכעס ניט וויסן און האָבן נאָר געזונט נחת און ווייטערדיקע שעפֿערישקייט עמו״ש און מ ע ר אָמן!

מיט פֿריינדשאַפֿט און דרך ארץ
בלייב איך אייער תּלמיד און פּאַטריאָט

דוד קאַץ

OXFORD CENTRE FOR POSTGRADUATE HEBREW STUDIES
45 St Giles, Oxford OX1 3LW, England (0865) 511869

FROM THE FELLOW IN YIDDISH STUDIES

פּראָפֿ' שלמה בירנבוים

טאָראָנטאָ

דעם 7טן אָקטאָבער 1985

טײַערער און חשובֿער פּראָפֿ' בירנבוים,

איך האָף אַז דאָס בריוול טרעפֿט אײַך געזונט און שעפֿעריש און אַז איר האָט גוט פֿאַרבראַכט די יום־טובֿים.

איך האָף אַז איר וועט קענען צושיקן אַ אַרבעט אויף אונדזער ווינטער־סימפּאָזיום וועגן אורשפּרונג פֿון ייִדיש, מיר וועלן עס פֿאַרשטייט זיך פֿאָרלייענען פּראָמינענט. אויב יאָ (הלוואי!) וואָלטן מיר זייער אָפּגעשאַצט אַ קיצור (אַ פּאַראַגראַף איז גענוג!).

איך דאַנק אײַך פֿון טיפֿן האַרצן פֿאַר אײַערע אָנגעמאָסטענע תּיקונים אויף דעם אַרטיקל מײַנעם. צי האָט איר אַמאָל אַן עקזעמפּלאַר (אָדער אַפֿילו אַ פֿאָטאָקאָפּיע) פֿון אײַער אַרבעט פֿון פֿרײַשטאָט 1913? איך שעם זיך וואָס איך האָב עס אין לעבן ניט געזען און כ'וואָלט עס גערן געקויפֿט אויב נאָר מעגלעך. אַ האַרציקן יישר־כּוח אַפֿריער.

איך ווינטש אײַך אַ יאָר פֿון געזונט און שעפֿערישקייט.

מיט פֿרײַנדשאַפֿט און יראת הכּבֿוד

בלײַב איך אײַער

דוד קאַץ

נ.ב. ווי געפֿעלט אײַך מײַן „קאָמפּיוטער אלף־בית"?

**OXFORD CENTRE FOR POSTGRADUATE HEBREW STUDIES**
**45 St Giles, Oxford OX1 3LW, England (0865) 511869**

פּראָפֿ' שלמה בירנבוים

טאָראָנטאָ

דעם 27סטן אָקטאָבער 1985

חשובֿער און טייערער פּראָפֿ' שלמה בירנבוים

איך האָף אַז דאָס בריוול טרעפֿט אייך געזונט און שעפֿעריש און אַז אַלצדינג איז ביי אייך אין גוטער אָרדענונג.

זייט זשע מוחל וואָס איך דערגיי אייך די יאָרן מיט אַזויפֿיל בריוולעך וועגן אונדזער ערשטן ווינטער־סימפּאָזיום איבער דער יידישער פֿילאָלאָגיע וואָס וועט אי"ה אָפּגעהאַלטן ווערן דעם 16טן און 17טן דעצעמבער 1985 איבער דער טעמע: <u>די אָנהייבן פֿון יידיש.</u>

מיר האָפֿן אַלע אַז ס'וועט אייך פֿאָרט מעגלעך זיין צו קומען. טאָמער ניט אָבער וואָלט דאָס געווען אַ כּבֿוד און אַ פֿרייד פּראָמינענט פֿאָרצולייענען אויפֿן סימפּאָזיום אייער רעפֿעראַט און עס אָפּגעבן דעם אויבנאָן אינעם באַנד מיט די סימפּאָזיום־אַרבעטן וואָס וועט אַרויס אי"ה אין 1986.

נאָך איין זאַך — צי קענט איר אפֿשר צושיקן אַ קורצע באַגריסונג צוּ אָט דעם ערשטן אָקספֿאָרדער סימפּאָזיום איבער יידישער פֿילאָלאָגיע (וואָס מיט אים הייבט זיך אָן אַ יערלעכֿע סעריע). אַזאַ באַגריסונג וואָלט באַשיינט און באַשײַנט דעם צוזאַמענפֿאָר ביז גאָר, ער וואָלט פּראָמינענט פֿאָרגעלייענט געוואָרן ביים קבלת־פּנים און דערמאָנט געוואָרן ביים אָנהייב פֿון דער הקדמה צום באַנד. אַ טיף־האַרציקן דאַנק אַפֿריער.

מיט פֿריינדשאַפֿט און יראת הכּבֿוד בלייב איך אייער

דוד קאַץ